# גיי פֿאַרטרײַב זיי

## משה-לייב האַלפּערן

אַז ס׳קומען לײַט מיט בלאָטיקע און גרויסע פֿיס,
און פֿרעגן קיינעם ניט, און עפֿענען די טירן,
און נעמען אין דײַן הויז בײַ דיר אַרומשפּאַצירן
ווי אין אַ זנותהויז ערגעץ אין אַ הינטער גאַס –
דאָ איז עס זיכער דאָך דעם האַרצנס שענסטער שפּאַס
אַ נעם צו אַ בײַטש אין האַנט, ווי אַ באַראָן
וואָס לערנט זײַנס אַ קנעכט גוט מאָרגן זאָגן,
און פּשוט ווי די הינט זיי אַלע צו פֿאַריאָגן!

וואָס אָבער טוט מען מיט דער בײַטש, אַז ס׳קומען לײַט
מיט זאַנגען-בלאָנדע האָר און הימל-בלויע אויגן,
און קומען ווי די פֿייגל פֿלינק אַרײַנגעפֿלויגן,
און וויגן כּלומרשט דיך אין שיינע טרוימען אײַן,
און גנבֿענען דערווײַל זיך אין דײַן האַרץ אַרײַן,
און טוען זינגענדיק די קליינע שיכלעך אויס,
און באָדן, ווי אין זומער-טײַכלעך קינדער קליינע
בײַ דיר אין האַרצנס-בלוט די פֿיסלעך זייערע שיינע.